


י"ח אייר תשס"ה

# פרשת בחוקותי

טייערע קינדער שלוחים,

היינט איז דער הייליקער יום טוב פון ל"ג בעומר. ל"ג בעומר איז א גרויסע זופרידענע יום טוב. אויף דעם טאג האבן די תלמידים פון ר' עקיבא אויפגעהערט שטארבן. יארן שפעטער איז אויף דער טאג ר' שמעון בר יוחאי א גרויסע תלמיד פון ר' עקיבא נפטר געווארן. די שמחה אויף דעם טאג קומט פון דעם וואס אויף דעם טאג פון זיין פטירה, האט ער מגלה געווען גרויסע סודות פון תורה.

אין אונזער דור האט דער רבי איינגעפירט מאכן פאראדס אויף ל"ג בעומר. דורך די גאסן איז מען געגאנגען מיט שטאלץ אויף אלע ענינים פון אידישקייט, און דער רבי האט אנגעקוקט יעדער קינד מיט ליבשאפט. לאמיר בעטן ביים אויבערשטן גייען דעם ל"ג בעומר 13 ירושלים מיט דער רבי אין הויפט!

אײדלה וועכטער




## פרשת בחוקותי

אם בחוקותי תלכו

אין דעם אנהויב פון דער סדרה שטייט **"אם בחוקותי תלכו"**. טייטשן אפ אונזערע חכמים, אז "אם" איז לשון בקשה. דאס הייסט אז דער אויבערשטער זאגט יעדער אידן, און קינדער בפרט: איך **בעט** זיך ביי אייך, אז **"בחוקותי תלכו ואת מצותי תשמרו ועשיתם אותם"**.

און אז דער אויבערשטער בעט, איז א זיכערע זאך אז יעדער איד, און בפרט קינדער, וועלן זיכער מקיים זיין דעם אויבערשטנ'ס אנזאג, ניט קוקנדיק ווי זיי האבן דאס מקיים געווען ביז איצטער.

אויך וועט מען זיך ניט באנוגענען מיט זיך אליין, נאר מ'וועט אויך מקיים זיין דעם ציווי פון דעם אויבערשטן **"ואהבת לרעך כמוך"**, ווי רבי עקיבא האט געזאגט, אז דאס איז **"כלל גדול בתורה"** - ס'איז אן אלגעמיינער און א כללות'דיקער אנזאג פון תורה ומצוות - אויף אויפטאן אז אויך די חברים און קרובים און גוטע פריינט און אלע אידישע קינדער, זאלן נעמען פון אים א לעבעדיקן ביישפיל, און לערנען תורה אין אן אופן פון **"בחוקותי תלכו"**, און מקיים זיין מצוות אין אן אופן פון **"תשמרו"**, היטן זיי ווי די טייערסטע זאך, און דאס וועט ברענגען צו **"ועשיתם אותם"**, צו מקיים זיין מצוות ווי מען דארף זיי מקיים זיין.

און דעמאלט ווערט מקויים דאס וואס די גמרא ברענגט אין צוזאמענהאנג מיט "אם בחוקותי תלכו", אז דאס איז וואס דער אויבערשטער בעט **"לו עמי שומע לי...כמעט אויביהם אכניע"**:

גלייך ווי **"שומע לי"** - אידישע קינדער פאלגן דעם אויבערשטן, און זיי ווירקן אויף זייערע עלטערן אז אויך זיי זאלן פאלגן דעם אויבערשטן, דעמאלט איז "כמעט" א- אין א קליינע ווילע גלייך נאך דעם - איז **"אויביהם אכניע"**: וועט דער אויבערשטער אונטערטעניגן די אלע וואס זיינען ניט קיין גוטע פריינד צו אידן, אין וועלכן ארט וואו זיי זאלן זיך נאר ניט געפינען.

ובמילא ווערט אויך מקויים וואס עס שטייט ווייטער אין פרשה: **"וישבתם לבטח בארצכם ונתתי שלום בארץ"**,

און אלע אידן, סיי אידן אין חוץ לארץ און סיי אידן אין ארץ הקדש, און אידישע קינדער בפרט, וועלן זוכה זיין בקרוב ממש, גאר אין גיכן, ארויסגיין מקבל זיין פני משיח צדקנו,

וואס דעמאלט וועט זיין, ווי ער איז מסיים אין די פסוקים: **"ואשבור מוטות עולכם"**_ דער אויבערשטער וועט צוברעכן די ווענט פון גלות, און די שטאנגען פון גלות:**"ואולך אתכם קוממיות"** - מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ וועלן אלע אידן גאר אין גיכן גיין אין דער גאולה האמיתית והשלימה בקרוב ממש.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער - שיחת ל"ג בעומר תש"ל)*




## י"ג אייר

יארצייט פון ר' ישראל ארי' לייב

ר' ישראל ארי' לייב איז געבארן געווארן אין יאר תרס"ט אין שטאט ניקאלאיעוו, צו זיינע עלטערן ר' לוי יצחק און רביצין חנה. ער איז געווען באוואוסט אלס א איד מיט א שארפע און טיפע קאפ. דער פריערדיקע רבי האט אים זייער מקרב געווען און ער איז געווען זייער באליבט ביי די חסידים. דער רבי האט גערעדט אויף זיין קלוגקייט אין חסידות און אין חכמת החשבון. ער איז נפטר געווארן י"ג אייר תשי"ב און לויט די הוראה פון דער רבי איז ער באגראבן געווארן אין צפת.

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

# דעם אידישן לוח






די טעג פון ספירה זיינען פינסטערע טעג. די תלמידים פון ר' עקיבא –וואס זיין גאנצן לעבן האט ער גערעט אויף דער ענין פון "ואהבת לרעך כמוך"– זיינען נפטר געווארן ווייל זיי האבן ניט באוויזן געניג כבוד איינער צום אנדערן. ל"ג בעומר איז א צופרידענע טאג ווייל אויף ל"ג בעומר האבן די תלמידים אויפגעהערט שטארבן.

ר' שמעון בר יוחאי איז געווען איין פון די גרעסטע תלמידים פון ר' עקיבא. יארן נאך די מעשה איז ער נפטר געווארן אויף ל"ג בעומר. ער האט געהייסן זיין תלמידים זיך פרייען אויף דער טאג, און ער האט אויף דער טאג געזאגט פיל סודות פון תורה וואס זיינען שפעטער געשריבן געווארן אין א ספר - דעם הייליקן זוהר.

## די תורה פון רשב"י און אידישע קינדער



דער טאג פון ל"ג בעומר איז פארבונדן מיט ר' שמעון בר יוחאי, איינער פון די גרעסטע תנאים וואס זיינען געווען ביי אידן. און אין דעם טאג - ל"ג בעומר - האט ער געלערנט און אנטפלעקט פון די טיפסטע ענינים פון תורה, און האט עס איבערגעגעבן צו זיינע תלמידים, און דורך זיינע תלמידים צו אלע אידן.

און ר' שמעון בר יוחאי האט געזאגט, אז אזוי וועט אויך זיין אין דעם דור ווען עס וועט זיך ענדיקן דעם גלות און עס וועט קומען משיח, אז אין דעם דור וועלן ניט נאר דערוואקסענע נאר אויך קינדער לערנען די טיפסטע ענינים אין תורה, און דורך דעם וועלן זיי ברענגען די גאולה האמיתית.

און דאס איז די אנווייזונג פון ל"ג בעומר ספעציעל פאר קינדער: קינדער דארפן וויסן אז אין זיי הענגט אפ דער גלות און די גאולה פון דעם גאנצן אידישן פאלק. ווען קינדער דארפן זיך פירן, אין לימוד התורה און קיום המצוות: פאלגן עלטערן, מלמדים און ראשי ישיבות, און באווייזן א ביישפיל פאר אלע חברים וואס ארום זיך,



אט די אויפפירונג וועט ברענגען די גאולה פאר זיי און פארן גאנצן אידישן פאלק,

אז גאר אין גיכן וועט קומען משיח צדקנו, און וועט אונז אלעמען, בתוך כלל ישראל, ארויסנעמען פון גלות און פירן לארצנו הקדושה במהרה בימינו אמן.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער - שיחת ל"ג בעומר תשי"ז)*

# משיח נאו!



דער רבי האט געזאגט אין א שיחה פון ל"ג בעומר תשי"א, אז עס שטייט אין זהר - דעם ספר פון ר' שמעון בר יוחאי– אז ווען מען זעהט א קשת– א רעגנבויגן - אין הימל זאל מעןווארטן אויף משיח.

ל"ג בעומר האט ר' שמעון בר יוחאי געעפענט דעם וועג צו לערנען סודות פון תורה וואס די סודות פון תורה ברענגען משיח.

און דערפאר איז א מנהג אויף ל"ג בעומר צו שפילן מיט א קשת - א פייל און בויגן–וואס דאס איז די זעלבע ווארט פאר א רעגנבויגן–קשת–, צו באווייזן אז ל"ג בעומר איז די צייט אויף ביאת משיח!!

דערציייל מיר א מעשה

*ל"ג בעומר איז א יום טוב וואס איז פארבונדן מיט אסאך נסים פון קינדער. פיל מענטשן וואס האבן ניט געהאט קינדער זיינען געהאלפן געווארן אויף ל"ג בעומר. אין צייט פון דער מיטעלער רבי' זיינען אויך געווען ספעציעל אויף ל"ג בעומר, נסים מיט קינדער.*

*אין צוזאמענהאנג מיט דעם האבן מיר דא א מעשה פון נאך א נס פון דער רבי' מיט קינדער.*

מרת. קליין האט געלעבט אין א שטאט לעבן קראון הייטס. זי האט ניט געלעבט ווי א ליזבאוויטשער חסיד, אבער זי איז פיל מאל אריינגעגאנגען צום רבי'ן פאר דאלארן. איין מאל האט זי מיטגעברענגט צום רבי'ן א פרוי וואס זי האט געקענט.

די פרוי איז שוין געווען 15 יאר נאכן חתונה און האט ניט געהאט קינדער. די פרוי איז געווען נאענט מיט סאטמארע חסידים אבער זי האט באשלאסן גיין צום רבי'ן פאר א ברכה.

זיי זיינען געגאנגען אויפן רייע, און נאכדעם וואס ביידע פרויען האבן באקומען דאלארן, האבן זיי זיך געטראפן אינדרויסן פון 770.

די פרוי איז געווען זייער אנטוישט. "איך האב געוואוסט אזוי קלאר וואס איך האב געוואלט זאגן, אבער צום סוף ווען איך האב געזען דער רבי, האב איך פון גרויס איבערראשונג, גאר ניט געזאגט."

"וואס האט דער רבי געזאגט?" האט מרת קליין געפרעגט.

"דער רבי האט מיר געגעבן א דאלער און געזאגט 'ברכה והצלחה.' דערנאך האט דער רבי מיר געגעבן נאך צוויי דאלערן און האט געזאגט 'די זיינען פאר די קינדער.'

דאס איז אלס. איך האב צום סוף ניט געבעטן א ברכה!!"

"וואס רעדטסו?" האט מרת קליין געזאגט, "דער רבי האט דיר קלאר געזאגט אז דו וועסט האבן קינדער!"

"דער רבי האט מיר ניט געבענטשט מיט קינדער, ער האט מיר נאר געגעבן די נארמאלע ברכה וואס ער גיט מסתמא יעדער פרוי!"

עס האט גענומען צייט ביז מרת קליין האט איר איינגערעדט אז דער רבי רעדט צו יעדער איינער פערזענליך, און דער רבי האט זיכער געמיינט פונקט וואס ער האט צו איר געזאגט!

ניין חדשים שפעטער האט מען איר שוין ניט געדארפט איינרעדן. די פרוי האט געבוירן צווילינג!




פארגעסט ניט צו
ציילן ספירת העומר!




פרקי אבות
פרק רביעי

בס"ד

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, כ"ג אייר, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718–221–0985)**

# שאלות—פרשת בחוקותי

**1. ווער איז נפטר געווארן אויף ל"ג בעומר?** ______________________________

**2. פארוואס איז דער טאג פון א יארצייט א טאג פון שמחה?** ______________

______________________________________________________________

**3. ווער האט אויפגעהערט שטארבן אויף דעם טאג?** ______________

**4. פארוואס האבן זיי געשטארבן?** ______________________________

**5. וואס האט דער רבי געמאכט אויף ל"ג בעומר?** ______________________

______________________________________________________________

**6. מיט וואס שפילט מען זיך ל"ג בעומר?** __________________________

**7. פארוואס?** ______________________________________________________

**8. וואס לערנען מיר היינט וואס קומט פון דער רשב"י?** ________________

**9. וואו איז ער באגראבן?** ____________________________________________

**10. וואו גייט מען ל"ג בעומר?** ____________________________________

**נאמען:** ___________________________ **ווי אלט:** _____

**אדרעס:** __________________________________________

**אי-מייעל :** ______________________________________

**הצלחה רבה!**

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org